בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ק"ח

פרשת דברים
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.

אִיךְ וֶועל יֶעצְט רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר אַלֶע לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵּיגָא, אוּן אִיךְ הָאף מֶען זָאל גֶעבְּן צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר פַאר דִי לֶערֶערִינְס.

### וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי?

פַאר אִיךְ הֵייבּ אָן דֶעם שִׁיעוּר וִויל אִיךְ עֶנְק אוֹיסְזָאגְן אַ סוֹד; עֶס קֶען זַיין אַז מִיטְ'ן אוֹיסְזָאגְן דֶעם סוֹד - וֶועל אִיךְ מָארְגְן בְּלַייבְּן אָן לֶערֶערִינְס, דָאךְ וִויל אִיךְ עֶנְק זָאגְן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי אִיז צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים אוּן בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְעַט, זִי זָאל קָאכְן אוּן מַאכְן דִי וֶועשׁ פַאר אִיר מַאן אוּן קִינְדֶער אוּן פַאר זִיךְ; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פוּן אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי.

יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן גֵיין לֵיידִיג אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ; אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן גֵיין לֵיידִיג (כְּתוּבּוֹת נט:), פַאר זֵיי אִיז יָא כְּדַאי אַרוֹיס צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן. אַז מֶען קֶען קוּמֶען אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסָד, זַיין אַ לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵּיגָא - אִיז גָאר חָשׁוּב, אָדֶער קֶען מֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַ אָפִּיס אוּן הֶעלְפְן דֶעם מַאן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶער צוּ קֶענֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַן אָפִּיס דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל זַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטְן לוֹיט דִי הֲלָכוֹת פוּן צְנִיעוּת אוּן רֵיינְקֵייט.

וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען הָאט אַ קִינְד, אִיז שׁוֹין דָא וָואס צוּ טוּן אִינְדֶערְהֵיים, דֶער טָאג וֶוערְט שׁוֹין אַבִּיסְל מֶער אָנְגֶעפִילְט, דַארְף מֶען שׁוֹין זֶען וִויפִיל צַייט מֶען דַארְף זַיין אִין שְׁטוּבּ אוּן וִויפִיל צַייט מֶען קֶען זַיין אִינְדְרוֹיסְן; גֶעוֶוענְלִיךְ הָאט מֶען דֶעמָאלְט נָאכְאַלְץ אַפָּאר שָׁעָה וָואס מֶען קֶען זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ.

אָבֶער דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פוּן אַ פְּרוֹי אִיז צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ וִויל מֶען זָאל דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט וִויסְן אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי.

### מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל

יֶעצְט וֶועלְן מִיר צוּגֵיין צוּם שִׁיעוּר. מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הָאט דִי זְכִיָּה אַז מֶען קֶען עֶפֶּעס צוּרִיק טוּן פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן אִין 'בֵּית פֵּיגָא', לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה', 'לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט' אוּן 'לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט'; עֶס אִיז נִישְׁט אַ פָּשׁוּטְ'ע זַאךְ.

אִיךְ וִויל עֶנְק מְחַזֵּק זַיין, אוּן בְּעִיקָר דִי לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן דֶעם נַאטוּר פוּן 'דִיסְצִיפְּלִין', פוּן זַיין פִּינְקְטְלִיךְ אוּן מְסוּדָּר. מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין בַּאקְסֶעס, טִישְׁן, בֶּענְקְלֶעךְ, שֶׁענְק אוּן קְלֵיידֶער, וָואס מֶען קֶען עֶס אַוֶועק שְׁטֶעלְן עֶס זָאל אַזוֹי גֵיין, קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער זֶענֶען לֶעבֶּעדִיגֶע זַאכְן, קִינְדֶער הָאבְּן אַ נְשָׁמָה, מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל.

### צוּרִיק גֶעהַאלְטְן אַ קִינְד פוּן וֶוערְן אַ מְחֻצֶּפֶת...

אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן עֶטְלִיכֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵּיגָא, וָואס הָאט מִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער גֶענוּמֶען צוּ זֶען וִוי דִי לֶערֶערִינְס גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער מִיט אַזַא וַוארֶעמְקֵייט.

אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו מִיט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה [אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו פַּרְשַׁת נֹחַ, דָאס אִיז זִיבְּן וָואכְן צוּרִיק. אִיךְ זָאג עֶנְק עֶס וַוייל קֶען זִיךְ מַאכְן אַז אִיךְ מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג פוּן אַ בְּרִיוו, זָאלְט עֶטְץ אָבֶער וִויסְן אַז אִיךְ לֵיין אַלֶעס]. דִי לֶערֶערִין שְׁרַייבְּט מִיר אַזוֹי:

## קִינְדֶער'ס גֶעפִילְן

**"לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּרְךְ דִי שֵׂכֶל אוּן דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים רֶבִּי'ן, אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן אִין מַיין קְלַאס אַ גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן אַ מְחֻצֶּפֶת. דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי, אַסַאךְ מָאל בַּיים דַאוֶוענֶען גֵיי אִיךְ אַרוּם צוּ יֶעדֶע מֵיידְל'ס טִישְׁל, אִיךְ קוּק אוֹיבּ דִי סִידוּר אִיז אוֹיפְגֶעמִישְׁט, אוֹיבּ אִיךְ זֶע אַז מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיפְגֶעמִישְׁט צוּ דִי גוּטֶע פְּלַאץ, מִישׁ אִיךְ אוֹיף, אַ מֵיידְל וָואס דַאוֶוענְט שֵׁיין, זָאג אִיךְ פְּשְׁשְׁשְׁ! הֶערְלִיךְ!"**

פַאר אִיךְ גֵיי וַוייטֶער מִיטְן פָארְלֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו, וִויל אִיךְ צוּלֵייגְן, נִישְׁט נָאר פַאר דִי מֵיידְל וָואס דַאוֶוענְט שֵׁיין זָאגְט מֶען: "**פְּשְׁשְׁשְׁ! הֶערְלִיךְ!**" נָאר אֲפִילוּ פַאר דִי מֵיידְל וָואס דַאוֶוענְט נִישְׁט שֵׁיין, דַארְף מֶען אוֹיךְ זָאגְן: "**פְּשְׁשְׁשְׁ! הֶערְלִיךְ!**" וַוייל דִי מֵיידְל וָואס דַאוֶוענְט שֵׁיין דַארְף דָאךְ נִישְׁט דִי לֶערֶערִין, זִי דַאוֶוענְט דָאךְ שֵׁיין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, דִי לֶערֶערִינְ'ס אַרְבֶּעט אִיז צוּ נֶעמֶען דִי מֵיידְל וָואס דַאוֶוענְט שְׁטִיל אוּן אִיר זָאגְן: "**פְּשְׁשְׁשְׁ! הֶערְלִיךְ! דוּ דַאוֶוענְסְט אַזוֹי שֵׁיין! אַזוֹי הוֹיךְ!**" אַזוֹי וֶועט זִי אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ דַאוֶוענֶען הוֹיךְ.

צוּרִיק צוּ דִי בְּרִיוו, דִי לֶערֶערִין שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: **"הַיינְט קוּם אִיךְ אָן צוּ אֵיין מֵיידְל'ס טִישׁ, אִיר מַאנְטְל אוּן טַאשְׁקֶע (בְּרִיפְקֶעִיס) לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אִיךְ זָאג אִיר: 'זַיי מוֹחֵל, גֵיי הֶענְג שֵׁיין אוֹיף דַיין מַאנְטְל אוּן לֵייג דִי טַאשְׁקֶע אוֹיף דַיין בֶּענְקְל', זִי וַוייזְט מִיר 'נֵיין' מִיט אִיר אַקְסְל, הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל שֵׁיין גֶעזָאגְט: 'הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע זַאכְן אוּן לֵייג עֶס אוֹיפְ'ן פְּלַאץ', זִי הָאט נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט 'נֵיין'. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט: 'דָא אִין קְלַאס דַארְף מֶען פָאלְגְן', זִי הָאט עֶס אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אָבֶער אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַוֶועק גֶעדְרֵייט".**

אִיךְ וִויל צוּלֵייגְן, דָאס אִיז טַאקֶע אַ

וויכְטִיגֶע זַאךְ, אַ כִּתָּה וואוּ מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף זַיין זוֹיבֶּער, צַאמְגֶענוּמֶען און נִיעֶט (מְסוּדָר).

צוּרִיק צוּ דִי בְּרִיוו, דִי לֶערֶערִין שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: **"אַזַא מְחֻצֶּפֶת! אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס דַאוֶונֶען און אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן זַייעֶר שְׁטְרֶענְג, בִּיז אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן און זִי וֶועט פָאלְגְן, אָבֶער גְלַייךְ דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ פוּן דִי הוּנְדֶערְטֶער שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הֶערְט דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'מֶעג אִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה? וֶוער זָאגְט אַז זִי פָאלְגְט נִישְׁט? אֶפְשָׁר מֵיינְט זִי נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה, לָאמִיר אִיר אַרוֹיסְרוּפְן און פְרֶעגְן וָואס גֵייט פָאר'. אִיךְ הָאבּ אִיר אַרוֹיפְגֶערוּפְן און גֶעזָאגְט זִי זָאל מִיךְ וַוארְטְן אִינְדְרוֹיסְן, אִיךְ קוּם אַרוֹיס און אִיךְ פְרֶעג אִיר פַארְוָואס זִי וִויל עֶס נִישְׁט לֵייגְן וואוּ מֶען דַארְף. זָאגְט זִי, וַוייל נָאכְדֶעם פַארְגֶעסְט זִי עֶס אַהֵיים צוּ נֶעמֶען. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט טְרַאכְטְן אַ גוּטֶע עֵצָה זִי זָאל יָא גֶעדֶענְקֶען עֶס אַהֵיימְצוּנֶעמֶען, און זִי אִיז צוּרִיק אַרַיין אִין קְלַאס, צוּפְרִידְן, דִי וואוֹילְסְטֶע מֵיידְל. שְׂכַחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער. זִי וָואלְט גֶעקֶענְט וֶוערְן דִי גְרֶעסְטֶע מְחֻצֶּפֶת, אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אַזַא שְׁוֶוערֶע טָאג, און אַלֶעס פַאר אַזַא נַארִישְׁקֵייט".**

דָאס אִיז אֵיין שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן אַ לֶערֶערִין, וָואס הָאט מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל צוּרִיק גֶעהַאלְטְן אַ מֵיידְל פוּן וֶוערְן אַ 'מְחֻצֶּפֶת'. אִיךְ הָאבּ זַייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ לֵיינֶען דִי בְּרִיוו און זֶען וִוי מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט מַאכְן אַ שְׁוֶוערֶע קֶעיס (פַאל) פוּן דֶעם קִינְד, און מִיט אַ שְׁמֵייכְל הָאט מֶען עֶס גֶעמַאכְט גוּט.

### דָאס קִינְד אִיז בְּלוֹיז גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג...

אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן נָאךְ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן אַ בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן דִי 'לָאנְטְשׁ טִיטְשֶׁער'. דִי לָאנְטְשׁ טִיטְשֶׁער דַארְף זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן בַּיי לָאנְטְשׁ צְוִוישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן קִינְדֶער אָן סוּפֶּערְוִויזְשָׁאן (הַשְׁגָּחָה), אֵיינֶער דַארְף זִיךְ אַ גַאנְצְן צַייט אוּמְקוּקְן וָואס דִי קִינְדֶער מַאכְן. דֶערְצֵיילְט זִי אִינֶעם בְּרִיוו, אֵיין טָאג זֶעט זִי וִוי אַ מֵיידְל שְׁלָאגְט אִיר שְׁוֶועסְטֶער, דִי יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער הָאט בַּיי זִיךְ אַפָּאר קוּקִיס און דִי עֶלְטֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער גְרַאדְזְשֶׁעט אִיר און וִויל אַרוֹיסְכַאפְּן דִי קוּקִיס פוּן אִיר הַאנְט. דִי לֶערֶערִין רוּפְט אִיר צוּ, און זִי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג, זִי רוּפְט אִיר נָאכְאַמָאל און דִי מֵיידְל זָאגְט: **"אִיךְ וִויל נִישְׁט קוּמֶען"**, אִינְמִיטְן כַאפְּט זִיךְ דִי לֶערֶערִין 'אֶפְשָׁר אִיז דִי מֵיידְל הוּנְגֶערִיג', רוּפְט זִי צוּ דִי מֵיידְל אִין אַ זַייט, זִי זָאגְט אִיר: **"אִיךְ הָאבּ אִין קְלַאס אַ זֶעקְל 'בְּרַאוּנִי קֶעיק', דוּ ווִילְסְט אִיךְ זָאל דִיר עֶס גֶעבְּן?"** זָאגְט זִי: **"יָא"**, זָאגְט דִי לֶערֶערִין: **"בְּרֶענְג עֶס אַרָאפּ פוּן קְלַאס, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל קֶעיק"**, דִי מֵיידְל הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם זֶעקְל קֶעיק, און דִי לֶערֶערִין הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע שְׁטִיקְל קֶעיק. דָאס קִינְד הָאט זִיךְ בַּאלֶעקְט דִי פִינְגֶער מִיט דֶעם, און זִי הָאט מֶער נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אִיר שְׁוֶועסְטֶער. עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי מֵיידְל אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג, זִי הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט גֶעגֶעסְן דֶעם טָאג.

מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט מַאכְן אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי מֵיידְל, וַוייל זִי קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִיר שְׁוֶועסְטֶער, און אֶפְשָׁר וָואלְט מֶען אִיר אֲפִילוּ גֶעדַארְפְט טְרָאגְן פַאר הִילְף... אָבֶער מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל און אַבִּיסְל הַארְץ הָאט דִי לֶערֶערִין גֶעזֶען אַז דָאס אִיז גָארְנִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְט קִינְד, דָאס קִינְד אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג, הָאט זִי זִיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט און גֶעשְׁלָאגְן אִיר שְׁוֶועסְטֶער.

### אִין וָואס וֶוענְדֶט זִיךְ אַ קִינְדְ'ס אוֹיפְפִירוּנְג?

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ'. אַ טַאטֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַן 'אֲסִיפַת הַהוֹרִים' פוּן זַיין זוּן, און דֶער מְלַמֵד זָאגְט פַארְן טַאטְן: **"דַיין זוּן הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט, נִישְׁט קַיין דַאוֶונֶען, נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, עֶר טוּט גָארְנִישְׁט! נֶעם אַפִּיר דַיין זוּן און זָאג אִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי וַוייטֶער אָנְגֵיין!"**

וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּנֶעם אֲסִיפַת הַהוֹרִים, רוּפְט אִים זַיין וַוייבּ אָן, זִי פְרֶעגְט אִים: **"נוּ, וָואס זָאגְט דֶער מְלַמֵד?"** דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אַרְבֶּעטְן, און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ זִיךְ אָנְצוּהֵייבְּן רֶעגְן אוֹיף זַיין זוּן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: **"דֶער מְלַמֵד זָאגְט אַז עֶר הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ, עֶר אִיז דֶער בֶּעסְטֶער אִינְגְל אִין חֵדֶר! עֶר דַאוֶונְט און עֶר לֶערְנְט"**.

דֶער אִינְגְל הֶערְט וִוי דִי מַאמֶע רֶעדְט צוּם טַאטְן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'מִן הַסְתָּם גֵיי אִיךְ יֶעצְט כַאפְּן אַ גוּטֶע פְּסַק...' און עֶר פְרֶעגְט דִי מַאמֶע: **"וָואס זָאגְט טַאטִי?"** זָאגְט דִי מַאמֶע: **"טַאטִי זָאגְט אַז דַיין רֶבִּי הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, און דוּ בִּיסְט דֶער בֶּעסְטֶער אִינְגְל!"**

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער צְוֵויי וָואכְן און דֶער מְלַמֵד רוּפְט אָן דֶעם טַאטְן, עֶר זָאגְט אִים: **"אִיךְ זֶע אַז דוּ הָאסְט גוּט אַפִּיר גֶענוּמֶען דַיין זוּן, וַוייל עֶר אִיז מַמָּשׁ אַ נֵייעֶר קִינְד, עֶר אִיז דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד פוּן חֵדֶר! עֶר לֶערְנְט און עֶר דַאוֶונְט"**.

דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעלַאכְט; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ זָאגְן פַארְן מְלַמֵד אַז אוּמְוִוילְנְדִיג הָאט דָא פַּאסִירְט אַ גוּטֶע שְׁטִיקְל... עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט צוּ מַאכְן דֶעם שְׁטִיקְל, עֶר אִיז פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי מוּט פוּן מְחַנֵךְ זַיין זַיין זוּן, אָבֶער עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם אַ שֵׁיינֶע זַאךְ.

דֶער טַאטֶע הָאט גֶעזֶען אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז 'טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע', הֲבֵל הֲבָלִים; עֶר הָאט דָאךְ גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם קִינְד און פְּלוּצְלִינְג אִיז דֶער קִינְד דֶער בֶּעסְטֶער אִינְגְל פוּן חֵדֶר, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? עֶס מוּז זַיין אַז דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיטְן קִינְד, דָאס הָאט מִיטְן מְלַמֵד, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי דֶער מְלַמֵד קוּקְט אוֹיפְן קִינְד, אַז דֶער מְלַמֵד גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַ קִינְד, מַאכְט דָאס אַז דֶער קִינְד זָאל וֶועלְן לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען.

מֶען קֶען יֶעדְן קִינְד מַאכְן פַאר אַ מְחוּצָף, און מֶען קֶען אוֹיךְ מַאכְן יֶעדְן קִינְד פַאר דִי בֶּעסְטֶע קִינְד, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מְלַמֵד, וַוייל דִי גַאנְצֶע אוֹיפְפִירוּנְג פוּן קִינְד אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף קַאמְפְּלֶעקְס פוּן זַיין מֹחַ, אִין אַ קִינְדְ'ס מֹחַ אִיז דָא בִּנְיָנִים פוּן קַאמְפְּלֶעקְס! און אַז אַ קִינְד שְׁפִּירְט: 'אִיךְ בִּין סַיי וִוי גָארְנִישְׁט וֶועְרד, אִיךְ בִּין סַיי וִוי אַ מְחוּצָף, און אִיךְ בִּין סַיי וִוי שְׁלֶעכְט, מַיין רֶבִּי דַארְף מִיךְ נִישְׁט, און קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט', הָאט עֶר נִישְׁט פַארְוָואס צוּ זַיין גוּט, אָבֶער אַז דֶער מְלַמֵד זָאגְט פַארְן טַאטְן: **"אִיךְ הָאבּ לִיבּ דַיין קִינְד, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גוּט קִינְד"**, און דִי מַאמֶע זָאגְט אִיבֶּער פַארְן קִינְד: **"דַיין רֶבִּי הָאט דִיךְ לִיבּ, עֶר זָאגְט אַז דוּ בִּיסְט אַ גוּט קִינְד"**, קוּמְט דֶער קִינְד צוּרִיק אִין כִּתָּה מִיט אַ וִוילְן צוּ לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען, וַוייל עֶר וֵייסְט אַז זַיין מְלַמֵד הָאט אִים לִיבּ, און עֶר וֶוערְט דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד!

### אַן אֲסִיפַת הַהוֹרִים אַ גַאנְץ יָאר

מֶען מוּז נִישְׁט וַוארְטְן צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד בִּיז דִי אֲסִיפַת הַהוֹרִים, מֶען קֶען אַ גַאנְץ יָאר מַאכְן אַן אֲסִיפַת הַהוֹרִים. וואוּ דוּ גֵייסְט און וואוּ דוּ שְׁטֵייסְט, וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט אַ טַאטֶע, זָאג אִים: **"דַיין קִינְד אִיז זֵייעֶר אַ וואוֹיל קִינְד"**. און נִישְׁט נָאר פַאר דֶער קִינְד וָואס דַאוֶונְט הוֹיךְ זָאגְט מֶען: **"פְּשְׁשְׁשְׁ! הֶערְלִיךְ!"** נָאר פַאר יֶעדְן קִינְד דַארְף מֶען זָאגְן: **"פְּשְׁשְׁשְׁ! הֶערְלִיךְ!"** - אַזוֹי קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד.

### דִי מֵיידְל זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען אוֹיפְן בָּאס

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַארְצִיגֶע מַעֲשֶׂה, פוּן אַ לֶערֶערִין פוּן דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אַ אִידִישֶׁע מַעֲשֶׂה, און אַ הַארְצִיגֶע מַעֲשֶׂה.

אַ מַאמֶע שְׁרַייבְּט מִיר אַ בְּרִיוו, זִי דֶערְצֵיילְט אַז אִיר קִינְד אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן שוּלֶע און אִיר דֶערְצֵיילְט אַז זִי הָאט אַיינְגֶעמַאכְט פַאר מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַהֵיים גֵיין, בְּשַׁעַת דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְ'ן בָּאס. עֶס אִיז אַרוּם

## הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

גֶעגַאנְגֶען אַ וֵויירוּס אוּן דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַז זִי דַארְף אַרוֹיסְגֵיין. דִי לֶערֶרִין הָאט עֶס בַּאמֶערְקְט, הָאט זִי גֶעבֶּעטְן דֶעם בָּאס דְרֵייוֶוער זָאל וַוארְטְן, זִי הָאט גֶענוּמֶען דֶעם קִינְד אִין אַ זַייט, זִי הָאט אִיר גֶעטוֹישְׁט וֶועשׁ, כְּדֵי זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט אוֹיפְן בָּאס.

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה! וַוייל וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אִינְמִיטְן טָאג אַז אַ קִינְד מַאכְט אַיין, הָאט נִישְׁט דִי לֶערֶרִין קַיין בְּרֵירָה, מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן אַ מֵיידְל זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט, זִי מוּז מְסַדֵּר זַיין דֶעם קִינְד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט דְרֵיי אַזֵייגֶער וֶוען מֶען גֵייט דָאךְ שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיפְן בָּאס, וָואלְט דִי לֶערֶרִין גֶעקֶענְט זָאגְן פַארְן קִינְד: **"גֵיי אַהֵיים, דַיין מַאמֶע וֶועט שׁוֹין קֶעיר נֶעמֶען פוּן דִיר"**. אָבֶּער דִי לֶערֶרִין הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וֶוען עֶס וָואלְט גֶעוֶוען מַיין קִינְד, וָואלְט אִיךְ דָאךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מַיין קִינְד זָאל אַזוֹי זַיין אוֹיפְן בָּאס אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר אֵיינֶער פַארְשֶׁעמֶען'; זִי הָאט אָנְגֶעקוּקְט יֶענֶעמְ'ס מֵיידְל אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אִיר קִינְד!

מֶען זֶעט פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי דִי לֶערֶרִין גֶעבְּט אַזוֹי אַכְטוּנְג אוֹיף קִינְדֶער, זִי טְרַאכְט אַלְץ אוֹיף אִירֶע תַּלְמִידוֹת: 'וִוי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ פִּירְן מִיט 'מַיין' קִינְד?'

### דִי הַארְצִיגֶע צוּגַאנְג פוּן אוּנְזֶערֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶרִינְס

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיף מְלַמְדִים אוּן לֶערֶרִינְס פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, וִוי זֵיי גֶעבְּן אַזוֹי אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען קִינְדֶער וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַן עֶקְסִידֶענְט (אוּמְגֶערָאכְטְן) אַז אַ קִינְד הָאט אַיינְגֶעמַאכְט, זֵיי דְרֵייעֶן אַרוּם אוֹיף אַלֶע וֶועגְן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן דֶערְפוּן.

לֵיידֶער אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער קֶען זִיךְ מַאכְן מְלַמְדִים וָואס גֶעבְּן נִישְׁט אַזוֹי אַכְטוּנְג אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן אַ קִינְד. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן פֶעלֶער פוּן אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת וָואס מְלַמְדִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר אַ קִינְד: **"גֵיי אַהֵיים מִיט דַיינֶע ... קְלֵיידֶער!"** אוּן דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַאר אַ קִינְד, וַוייל דִי פִילִינְגְס פוּן אַ דְרֵיי יֶערִיג קִינְד אִיז דִי זֶעלְבֶּע וִוי אַ מֶענְטְשׁ פוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, - קֶען עֶס חַס וְשָׁלוֹם שָׁאטְן פַאר זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן!

נֶעכְטְן זָאגְט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה צוּ אִינְסְטָאלִירְן קֶעמֶערֶעס אוּן אִינְטֶערְקָאמְס, אוּן עֶר זֶעט וִוי אַ אִינְגְל הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁמִירְט אוּן דֶער מְלַמֵּד הַאלְט זַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע וֶועשׁ אִין אַ דוּרְכְזִיכְטִיגֶע בֶּעג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: **"לֵייג עֶס אִין אַ טוּנְקֶעלֶע בֶּעג, מֶען זָאל נִישְׁט דוּרְכְזֶען וָואס דָארְט לִיגְט, דֶער אִינְגְל זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט"**, הָאט דֶער מְלַמֵּד זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט גֶעכַאפְּט...

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בַּיי אוּנְז אִיז דָא אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערֶע צוּגַאנְג צוּ דֶעם, דִי מְלַמְדִים וֵוייסְן פוּן זִיךְ אַלֵיין אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט.

אִיךְ קֶען דֶערְצֵיילְן כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה, נָאךְ אוּן נָאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר מִיט גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף הַארְצִיגֶע לֶערֶרִינְס. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער נָאךְ מֶער הַארְץ אוּן נָאךְ מֶער הַארְץ.

### דִי קִינְדֶער מַאכְן זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט זֵייעֶרֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת

אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן מִיט נָאךְ אֵיין מַעֲשֶׂה. נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ וַוייבְּל, שְׁרַייבְּט זִי אַזוֹי: **"אִין מַיין לֶעבְּן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְטוּן קַיין טִיכְל, אָבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיי ... הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אַ טִיכְל אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ וִויל אוֹיךְ גֵיין מִיט דֶעם"**.

עֶטְץ וֵוייסְטְס דָאךְ אַז אִיךְ זָאג נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם וָואס צוּ טוּן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ צוּדֶעקְן דֶעם קָאפּ, אִיךְ וִויל אָבֶּער אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען מִיט דֶעם אַז מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס מֶען טוּט אוֹיף. אַ לֶערֶרִין קוּמְט אוּן גֵייט, אוּן טְרַאכְט: 'קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, קֵיינֶער וִויל מִיךְ נִישְׁט', זִי כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען קוּקְט אִיר נָאךְ אוּן מֶען מַאכְט אִיר נָאךְ, אוּן זִי בּוֹיט אוֹיךְ שְׁטִיבֶּער.

וֶוען אַ לֶערֶרִין קוּמְט אַרַיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, צְנִיעוּת'דִיג אוּן אֵיידְל, מַאכְן זִיךְ דִי מֵיידְלֶעךְ שְׁטִילֶערְהֵייט זֵייעֶרֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, 'אִיךְ וִויל אוֹיךְ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, צְנִיעוּת'דִיג אוּן אֵיידְל'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

### וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער אִיבֶּערְ'ן דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ הָאבּ צְוֵויי קוּרְצֶע וִוּיכְטִיגֶע שְׁאֵלוֹת בְּנוֹגֵעַ דִי יֶעצְטִיגֶע זְמַן, בֵּין הַמְּצָרִים.

אֵיינְס, וִוי בַּאקַאנְט אִיז דָא אַ מַחֲלֹקֶת בְּנוֹגֵעַ דִי דְרִיטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ צִי דָאס וֶועט אַרָאפּ קוּמֶען פוּן הִימְל אָדֶער מִיר וֶועלְן דָאס בּוֹיעֶן, וָואס זָאגְט מֶען פַאר קִינְדֶער פוּן אַכְט נַיין יָאר?

צְוֵוייטְנְס, אִיז דָא אַ מְקוֹר צוּ דֶעם וָואס מֶען זָאגְט אַז מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט וֶוערְט צוּגֶעלֵייגְט נָאךְ אַ שְׁטֵיין פַארְ'ן דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן חָלִילָה פַארְקֶערְט נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַ שְׁטֵיין? אָדֶער אִיז דָאס סְתַּם אַ שֵׁיינֶע דִמְיוֹן?

בִּיטֶע עֶנְטְפֶערְט מִיר לְתוֹעֶלֶת הַתַּלְמִידִים, יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת דְבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דוּ לֶערְנְסְט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן - שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער, "אֲמַר לֵיהּ רַב פָּפָּא לְאַבַּיֵי, דִּידִי וְדִידָךְ מַאי", הָאט רַב פָּפָּא גֶעפְרֶעגְט פוּן אַבַּיֵי: 'וָואס אִיז מִיט אוּנְזֶער תּוֹרָה?' "אֲמַר לֵיהּ", הָאט אִים אַבַּיֵי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אֵינוֹ דוֹמֶה הֶבֶל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֵטְא לְהֶבֶל שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער וָואס זֵיי וֵוייסְן נָאךְ נִישְׁט פוּן קַיין עֲבֵירָה, זֵיי הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען קַיין עֲבֵירָה - אוֹיף זֵייעֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט דִי וֶועלְט.

אוֹיף דַיינֶע שְׁאֵלוֹת: וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶוער וֶועט בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צִי וֶועט אַרָאפּ קוּמֶען אַ פֵייעֶרְדִיגֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן הִימְל אָדֶער וֶועט מֶען דָאס בּוֹיעֶן וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (פֶּרֶק יב מֵהִלְכוֹת מְלָכִים וּמִלְחָמוֹת, הֲלָכָה ב): "וְכָל אֵלוּ הַדְּבָרִים וְכַיּוֹצֵא בָהֶן, לֹא יֵדַע אָדָם אֵיךְ יִהְיוּ עַד שֶׁיִּהְ

ו״, דִי אַלֶע זַאכְן, וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען - וֵוייסְט מֶען נִישְׁט בִּיז עֶס וֶועט זַיין, "שֶׁדְּבָרִים סְתוּמִין הֵן אֵצֶל הַנְּבִיאִים, גַּם הַחֲכָמִים אֵין לָהֶם קַבָּלָה בִּדְבָרִים אֵלּוּ", דִי זַאכְן זֶענֶען פַארְהוֹילְן פוּן אוּנְז, אֲפִילוּ פוּן דִי נְבִיאִים אוּן פוּן דִי חֲכָמִים אִיז דָאס פַארְהוֹילְן, "וּלְפִיכָךְ יֵשׁ לָהֶם מַחֲלוֹקֶת בִּדְבָרִים אֵלּוּ", דֶערִיבֶּער אִיז דָא אַסַאךְ מַחֲלֹקֶת אִין דִי זַאכְן - וָואס אוּן וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט זַיין.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רַמְבַּ״ם: "לְעוֹלָם לֹא יִתְעַסֵּק אָדָם בְּדִבְרֵי הַהַגָּדוֹת, וְלֹא יַאֲרִיךְ בַּמִּדְרָשׁוֹת הָאֲמוּרִים בְּעִנְיָנִים אֵלּוּ וְכַיּוֹצֵא בָּהֶן, וְלֹא יְשִׂימֵם עִקָּר", מֶען זָאל נִישְׁט צוּפִיל אַרַיין קְלֶערְן וָואס אוּן וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט זַיין נָאכְדֶעם וָואס מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, "שֶׁאֵין מְבִיאִין לֹא לִידֵי יִרְאָה וְלֹא לִידֵי אַהֲבָה", וַוייל פוּן דֶעם קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ; דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר זֶען וָואס מִיר קֶענֶען טוּן צוּ בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.

דֶערִיבֶּער, אַנְשְׁטָאט צוּ חַקְרְ׳נֶען וִוי אַזוֹי וֶועט זַיין, וָואס וֶועט זַיין וְכוּ׳, - דַארְפְן מִיר זֶען צוּ טוּן מִצְוֹת אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען. אוּן וֶוען מִיר וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן אוֹיפְ׳ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דַארְפְן מִיר וֵויינֶען אוֹיף אוּנְזֶער חוּרְבָּן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן סז) וֶוען מֶען קְלָאגְט אוֹיפְ׳ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֵויינְט מֶען נִישְׁט אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חוּרְבָּן, נָאר מֶען וֵויינְט אוֹיפְ׳ן הַיינְטִיגְן חוּרְבָּן; אַז מִיר זֶענֶען חָרוּב וְנֶחְרַב, מִיר זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיין גֶעטוּן אִין אוּנְזֶערֶע תַּאֲווֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מִיר דַארְפְן זֶען מִיר זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְּאוּלָה; דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת וַוייל אֶפְשָׁר זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען אִינֶעם פָארִיגְן גִּלְגּוּל דִי וָואס הָאבְן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זָאל חָרוּב וֶוערְן אוּן אֲפִילוּ מִיר הָאבְן נִישְׁט חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ: "אוּלַי הוּא מְעַכֵּב עַתָּה בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", אֶפְשָׁר זֶענֶען מִיר דִי וָואס הַאלְטְן אָפּ דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן צוּרִיק אוֹיפְגֶעבּוֹיט וֶוערְן, "וְנֶחֱשָׁב גַּם כֵּן כְּאִלּוּ הוּא גָּרַם לְהַחֲרִיבוֹ", אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מִיר וָואלְטְן דָאס חָרוּב גֶעמַאכְט.

רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער קֶעגְן מַחֲלֹקֶת אוּן שִׂנְאַת חִינָם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא ט.): דִי עֶרְשְׁטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן וַוייל מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, דִי צְוֵוייטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן נָאר וֶועגְן שִׂנְאַת חִנָּם, פִּירְט דִי גְּמָרָא אוֹיס: "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", דִי עֲבֵירָה אִיז נָאךְ אַלְץ צְוִוישְׁן אוּנְז; בְּרֶענְג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַהֲבַת חִינָם, זֵיי זָאלְן זִיךְ לִיב הָאבְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט גֶעבּוֹיט וֶוערְן.

אוֹיף דַיין צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע; וִוי מֶעג מֶען זָאגְן אוֹיף אַזַא זַאךְ אַז דָאס אִיז אַ דִמְיוֹן? אַוַדַאי אַזוֹי! מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְּאוּלָה.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (זֶרַע קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ): "בְּכָל יוֹם שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת ה׳ בּוֹנֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם וּבֵית הַמִּקְדָּשׁ", דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים וֶוערְט גֶעבּוֹיט דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט דָארְט: "שָׁמַעְתִּי מֵהָרַב הַקָּדוֹשׁ מוֹרֵנוּ הָרַב אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי״ע, אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט עֲלִיַּת נְשָׁמָה אוּן גֶעזֶען וִוי מֶען טְרָאגְט דִי כֵּלִים פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דִי כֵּלִים הָאסְטוּ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן גָלוּת מִיט דַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים", וַוייל מִיט דִי מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען טוּט בּוֹיט מֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ שֵׁיינֶער דִמְיוֹן; עֶס אִיז אֱמֶת וְיַצִּיב אַז וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה בְּרֶענְגְט עֶר אַ צִיגְל צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן וֶוען מֶען זִינְדִיגְט נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַ צִיגְל אוּן מֶען אִיז מְעַכֵּב אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין דִי הַקְדָּמָה פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (דַף ט), אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל אָנְגֶערוּפְן בַּיים טִישׁ: "דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז שׁוֹין גְרֵייט, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעבּוֹיט אוּן גְרֵייט, עֶס פֶעלְט נָאר דֶעם פָּרֹכֶת", הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ׳לֶע פוּן טַאמַאשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "מִיר גְלֵייבְן אַז דֶער רָב קֶען עֶנְדִיגְן דֶעם פָּרֹכֶת", דֶער צַאנְזֶער רָב אִיז שְׁטִיל גֶעבְּלִיבְּן אוּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. אַ צְוֵוייטֶע מָאל אִינְמִיטְן פִירְן טִישׁ הָאט זִיךְ דֶער צַאנְזֶער רָב אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "וֶוער זָאגְט אַייךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם פָּרֹכֶת? אִיךְ הָאבּ טַאקֶע צוּגֶעעֶנְדִיגְט דֶעם פָּרֹכֶת פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ רָשָׁע אוּן גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, מִיט דֶעם הָאט עֶר דָאס צֶערִיסְן".

דָאס זָאלְסְטוּ אַרַיין לֵייגְן אוּן אַרַיין בַּאקְן אִין דַיינֶע תַּלְמִידִים, זֵיי זָאלְן וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט בְּרֶענְגְט עֶר דוּרְכְדֶעם נָאךְ אַ צִיגְל צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן עֶר אִיז מְקָרֵב דִי גְּאוּלָה אוּן מִיט יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט צֶעבְּרֶעכְט מֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מֶען צֶערַייסְט דֶעם פָּרֹכֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק י׳ מכתב אלף ל״א)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט״א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876